<u>שמועס 10 - א שידוך אין טראַנוויי</u>

(ביידע מיידעלעך מיט טרײַבלעך אויף די אויערן, הערן מוזיק, קוקן אַרײַן אין אַ משפּחה-אַלבום)

1.- אַ שיינער בחור, ווער איז ער?

2.- דאָס איז מײַן ברודער יוסי.

1.- ווי אַלט איז ער?

2.- יוסי איז פֿינף און צוואַנציק יאָר אַלט.

1.- ווּ איז ער איצט?

2.- ער איז אין אַמעריקע, אין ניו-יאָרק.

הײַנט קומט ער צוריק.

1 – אָ! זייער-גוט! אויסגעצייכנט.

2 - פֿאַר וואָס זייער גוט?



1.- מײַן שוועסטער מירעלע איז דרײַ און צוואַנציק יאָר אַלט.

און זי קומט מאָרגן צוריק פֿון טײַלאַנד.

2.- דאָס איז מין השמים!

1.- טאַקע מין השמים!

2.- לאָמיר מאַכן אַ שידוך!

1.- אָפּגערעדט, לאָמיר מאַכן אַ שידוך!!

1.-2.- תּקיעת-כּף!